# דער ייִדישער קעניג ליר

## קטלאַ קניא

ר׳ אפֿרים איז געווען וואָס מען רופֿט אַ פֿאַרצײַטישער ייִד. אַז מען האָט אויף אים געזאָגט אַז ער איז אַ מדקדק על קלה כּבֿחמורה איז עס נישט געווען קיין שאַבלאָן — וואָס פֿאַר אַ חומרא עס איז נאָר פֿאַראַן האָט ר׳ אפֿרים אויף זיך מקבל געווען. ער איז אָבער נישט געווען קיין ליטוואַק און אַוודאי נישט קיין בריסקער. ער האָט נישט געקענט מסביר זײַן אַלע זײַנע חומרות. ער האָט נישט געוווּסט צי ער פֿאָלגט דעם רמבם צי דעם ראבֿ״ד אַיעדער אין דער פֿרי ווען גייענדיק אין מקווה פֿאַרן אויסזאָגן תּהילים פֿאַר שחרית האָט ער אַרויסגענומען דעם השך-שטאָפּער ווען ער האָט זיך געטובֿלט. ער האָט זיך נישט געטובֿלט ש״אי טבֿילות; קיין משוגענער איז ער נישט געווען. פֿאַרקערט, טראָץ אַלע זײַנע חומרות האָט ער געשפּעט פֿון די פֿרומאַקעס, ווי ער פֿלעג זיי אָנרופֿן. אָבער קיין סך האָט ער זיי אַזוי נישט גערופֿן ווײַל קיין סך האָט ר׳ אפֿרים נישט גערעדט. שבת איז ר׳ אפֿרים געגאַנגען אָנגעטאָן אין די ברילן אויפֿן גאַס. זײַן טלית-קטן איז נישט געווען קיין שיִער חזון איש און שבת איז ער נישט געלאָפֿן אין פּופּצן שולן יוצא זײַן זכור דאורייתא. דאָס אַלץ איז הלכהיש פֿרום, די מאָדערנע פֿרומקייטן אימפּאָרטירט פֿון בני ברק דורך לייקוואָד און פֿלעטבוש. ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין וויליאַמסבורג ווו ר׳ אפֿרים איז געווען אַן אײַנוווינער האָבן זיי פֿאַרלוירן זייערע ישיבֿהשן טעם, וויפֿל טעם דאָס איז שוין, און זײַנען געווען ווי חוקת הגויים אין די וויליאַמסבורגער אויגן. קליין אינדזעלעך פֿון תּורה אין אַ ים פֿון חסידות. די מאָדערנע פֿרומקייטן ווי נישט אויפֿמאַכן קיין פֿריזשידער שבת זענען אין וויליאַמסבורג נישט נאָר ווי גופֿים אָן נשמות נאָר אַפֿילו דער גוף האָט נישט קיין הענט און פֿיס. אַרײַנגעברענגט דורך די פּויערישע סאַטמערער בחורים וואָס גייען לערנען אין ליטווישע ישיבֿות — די איידעלע, ערלעכע בלײַבן אין די היימישע ישיבֿות — און קומען אַהיים אָנגעבלאָזן. האַקן אַ טשײַניק וועגן מינחה פֿאַר שקיעה, מאַכן אַוועק רבינו תּמס זמן און דער מגן אַבֿרהמס סוף זמן קרי״ש איז זיי שוין נישט גוט. נאָר דער גר״א-זמן טויג זיי. אַ וועלט מיינען זיי אַז זיי האָבן אַנטדעקט. ווייניק ווייסן זיי אַז אין איין ווינקעלע וויליאַמסבורג ליגט מער וועלט ווי אין פּופּצן רחובֿ חזון אישן און רבי עקיבֿאס צונויפֿגעשטעלט. לא כן ר׳ אפֿרים. זײַנע חומרות זײַנען אַלע געווען פֿון דער היים, ווי די טאַטעס און זיידעס האָבן זיך געפֿירט דורי דורות. די עופֿות האָט די בני בית אַליין כּשר געמאַכט, בלעטער סאַלאַט האָט ער נישט געגעסן חוץ פּסח בײַ נאַכט אויף מרור. ווען די געקליבענע סאַלאַטן מיט אַ הכשר זענען אָנגעקומען איז ר׳ אפֿרים נישט נתפּעל געוואָרן. ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנעם. אין דער היים האָט מען עס נישט געגעסן און ער עסט

ווײַטער נישט.

כּמעשׂהו בחול כך מעשׂהו בשבת. שבת בײַ ר׳ אפֿרים איז נישט באַשטאַנען אין דעם, צו מען מעג אויפֿמאַכן פֿלעשער צי אַ פּעקל צוקער. שבת בײַ ר׳ אפֿרים האָט זיך אָנגעהויבן פֿרײַטיק בײַ חצות מיטן מעבֿיר סדרה זײַן. דערנאָך איז ער געגאַנגען אין מקווה, זיך צוגעלייגט און באַלד צוריק אין שול אַרײַן. שיר השירים איז געווען אַ שטרעבונג. ״שובֿי שובֿי השולמית שובֿי שובֿי ונחזה בך״ פֿלעגט ער זיך אַיעדע וואָך צעוויינען אינעם זידעטשויוון נוסח וואָס די סאַטמערער האָבן מיט די יאָרן אַקצענטירט מיט זייערע ווילאַמסבורגער טענער. דער מתיקות וואָס פֿלעג אים קומען אין מויל נאָך אַזוי פֿיל זאָגן האָט ר׳ אפֿרים געהאַלטן איז דער טעם פֿונעם מן. ער האָט עס קיינעם נישט דערציילט אָבער ער האָט געוווּסט און געשפּירט אַז ס׳קען קיין אַנדער טעם נישט זײַן. און אַז שפּעטער האָט ער אָפּגעזונגען ״שלום-עליכם״ מיטן רבינס ניגון, קידוש געמאַכט, און געמאַכט המוציאי איבער זײַן רביצינס פֿריש געבאַקענע חלות פֿלעג ער זיך צוריקזעצן און בשעתן קײַען זאָגן מיט אַ זעטיקייט ״אַ לכּבֿוד שבת קודש״, און אַזוי האָט ער געשלונגען דעם טעם גן עדן אין זײַן ייִדענעס חלות. נישט אומזיסט האָט דער סאַטמערער רבֿ געזאָגט אַז ווען דער באַשאַפֿער זאָל נאָר האָבן אַ מנין ר׳ אפֿרימלעך וואָלט ער שוין לאַנג געברענגט משיחן. אַזוי האָט ר׳ אפֿרים אָפּגעלעבט זײַנע יאָרן פֿון ווען ער איז אָנגעקומען פֿון אונגאַרן אין זעקס און פֿופֿציק. אַ מלמד דרדקי ווען ער איז געווען יונגער און אויף דער עלטער איז ער געווען אַ שטיקל שמש, זיך געפּאָרעט מיט די ליכט און די האַנטעכער וכדומה און אַזוי אָפּגעפֿירט אַ ייִדיש לעבן.

חוץ די אײַנוווינער פֿון ווילאַמסבורג און דער סאַטמערער רבֿ האָט אָבער נאָך איינער אויך געוווּסט פֿון ר׳ אפֿרים צו זאָגן. דער בעל דבֿר האָט איבער אים געהאַלטן אַן אויג. אַזאַ פֿישל קומט נישט אונטער אַיעדן טאָג.

פֿיל קלוגער ווי אין איובֿס צײַטן, ווײסט זיך שוין הײַנט נישט דער בעל דבֿר מיטן באַשאַפֿער. ער הרגעט שוין אויך נישט ווײַבער און קינדער. ער האָט בלויז געטאָן וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן און צו דעם איז ר׳ אפֿרים נישט מער אַ מחותּן ווי אַ צווייטן.

אין בני ברק מעגן די פֿרויען גיין אין לענגערע שייטלען ווי אין ווילאַמסבורג, די מאָדעס מעגן זײַן שפּעטערע (כאָטש די ווילאַמסבורגער ווייסן אויך דעם טעם פֿון אַ שאַנעל) און דער מוזיק פֿון בן דוד און די אַנדערע צדיקים מעג שרײַען פֿון אַיעדן פֿענצטער, אין בני ברק שטיקט אָבער די לופֿט. נישט פֿון דער סרחון פֿון מיסט אויף יעדן ווינקל וואָס עיפּושט אין די זומערהיצן, כאָטש פֿון דעם אויך. אין בני ברק שטיקט פֿון גדולים. אַ תּפֿיסה פֿון מחשבֿה און אַ וויסטעניש

פֿון געדאַנקען. ר׳ אפֿרים האָט דאָס נישט געוווּסט אָבער ער האָט אַלץ נישט ליב געהאַט די פֿרישע מאָדערנע חומרות אין איין ווינקל וויליאַמסבורג מיט די פֿאַרבונדענע קעפּ, צעווילדעוועטע בערד און געגרייַזלטע פּאות ליגט אָבער אַ וועלט. ווייַל בכל מקום שאתה מוצא חסידות שם אתה מוצא אַפּיקורסות. די וועלט זאָל מיינען אַז די חסידים זענען פֿאַנאַטיש, פּרימיטיוו און צוריקגעבליבן. די וועלט איז אָבער עולם גולם. אמתע חסידים זענען פֿאַרגלייבט אין זייערע רביים אָבער חוץ דעם גלייבן זיי אין גאָרנישט. דער תּורה צוה פֿון אַ חסידיש ייִנגל איז נישט דעם לא תסור מכל אֲשר יורוך, דעת תּורה און אמונת חכמים. אַדרבא אַ סאַטמערער ייִנגלס מודה אני איז אַז די בעלזער זענען שקצים, די גערער גויים און די ליטוואַקעס דאָס אויך נישט. ווו חוץ פֿון וויליאַמסבורג וועט איר הערן אַז איגרות משה איז נישט ווערט אַ רעטעך? אַ באָבאָווער ייִנגל ווערט אויפֿגעצויגן וויסנדיק אַז באָבובֿ איז ראשי תּיבֿות באָבאָוו איז בעסער ווי בעלז, און ווייַטער די בעלזער קינדער זינגען אין דער כּתּה ווען דער רבי גייט אַרויס זיך מאַכן אַ קאָווע יעקע יעקע תּחת-שמעקער. און דאָס איז בלויז די קינדער. די דערוואַקסענע וויסן שוין צו פֿאַרפֿאַקן דעם באַשאַפֿער אויך. אַז דער רבי דאַוונט שחרית נאָך מיטאָג און מינחה בייַ נאַכט מוז דער באַשאַפֿער מוחל זייַן און אָננעמען זייערע תּפֿילות "out of hours" און אַז דער באַשאַפֿער וועט אויף דעם פֿאַרלאַנגען אַ העכערן פּרייַז וועלן זיי אים רופֿן אין דין תּורה. ווער האָט זיך דען געטרויערט פֿירן אַ דין תּורה מיט גאָט חוץ דער באַרדיטשעווער צדיק? זאָל זיי אַ ליטוואַק ווייַזן אַ סעיף אין אורח חיים אויף דער צייַט פֿון תּפֿילה, האָבן זיי באַלד אַ תּשובֿה: "אין וואָס איז מיטן סעיף פֿין התפּשטות הגשמיות?" נאָר אַ חסיד וועט אויסטייַטשן אַ פּסוק "אין לאָז דער פּסוק פּלאַצן" ווי פֿאַרגלייבט זיי זאָלן נישט זייַן אינעם רבין, באַלאַנגט כּפֿירה צו די חסידים. און חסידישע כּפֿיריאַקן זייַנען מסוכּן.

ס׳איז געווען אַ ווינטערנאַכט נאָך מינחה-מעריבֿ. דער שטיבל איז געווען שטיל און ליידיק חוץ פֿון ר׳ אפֿרים בייַ זייַן מקום קבֿוע ווען ער האָט אַליין געלערנט משניות פֿאַר די נשמות פֿון זייַנע אומגעקומענע עלטערן און געשוויסטער, און אויך פֿאַר דער ערשטער פֿרוי און קינדער וואָס אויף זיי האָט ער קיין מאָל נישט געזאָגט דעם קל מלא רחמים נאָכן לערנען; ער האָט זיי בלויז אין זינען געהאַט. דער מנהג איז דאָך אַז מען גייט נישט אויפֿן קבֿר פֿון דער ערשטער פֿרוי אַז מען האָט זוכה געווען צו אַ זיווג שני. די ערשטע פֿרוי און די עופֿעלעך האָבן טאַקע נישט קיין קבֿר ווייַל אויך זייערע גופֿים זענען אַרויף אין הימל דורכן אוישוויצער קוימען. ר׳ אפֿרים האָט אָבער געהאַלטן דעם מנהג דורך נישט דערמאָנען זייערע נעמען בייַ יזכּור און נאָך משניות לערנען. אינעם שטיבל בייַ אַ צווייטן טיש זענען געזעסן יונגע בחורים און געשמועסט. באמת זענען זיי געווען נישט מער ווי ייִנגלעך פֿון דרייַצן-פֿערצן יאָר, אָבער אַז זיי זענען שוין געגאַנגען אין קאַפּעליושן, ווייַסע העמדער, וועסטלעך און רעקלעך איז ויקרא

שמם "בחורים". זיי האָבן אויך שוין געלערנט אין ישיבֿה קטנה. דערפֿאַר אַז דאָס לערנען איז זיי שווער געוואָרן אין תּם און מועד, צי חצי נזק און נזק שלם איז זיי אַרויס פֿון נאָז איז פֿאַר זיי לײַכטער געווען זיך אַרויסצוכאַפּן פֿונעם ישיבֿה ווי מען איז געווען אין חדר בײַם רבין. אַזוי זענען זיי געזעסן בײַם טיש און געשמועסט. ס'קען זײַן אַז איינער האָט אַפֿילו געהאַט אַ ציגערעטל אונטערן טיש בצנעא און איינער האָט זיכער אָנגעצונדן שוועבלעך און אַרײַנגעצויגן דעם רויך און אים אַרויסגעבלאָזן דורכן נאָז. ר' אפֿרים בײַ זײַן טיש וואָלט געווען דער לעצטער זיי עפּעס צו זאָגן אָדער זיי פֿאַרמסרן צום משגיח. זייער שמועס האָט זיך פֿאַרצויגן צו אַ בחור פֿון זייערע כּתּה און בתּוך הדבֿרים רופֿט זיך אָן איינער פֿון די בחורים, אַזוי מסיח לפֿי תּומו, "ער איז סתּם אַ משוגענער — ער גלײַבט נישט אין קריעת ים סוף". די אַנדערע האָבן זיך צעלאַכט, דער שמועס האָט זיך ווײַטער ערגעץ פֿאַרצויגן און נאָך אַ שטיק צײַט זײַנען די בחורים זיך צעגאַנגען. ר' אפֿרים איז דאַן געבליבן אַליין אינעם שטיבל. ר' אפֿרים האָט אויך געהערט דעם שמועס, ער האָט נישט אונטערגעהערט נאָר נישט ווילנדיקערהייט זענען די ווערטער אים אַרײַן אין אויער. מיט די ווערטער איז אַרײַן דעם בעל דבֿר אויך. און אָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריעת ים סוף.

ער איז אַוועק אַהיים צו זײַן וועטשערע וואָס די פֿרוי האָט אים צוגעגרייט איידער זי איז אַוועק ממלא מקום זײַן פֿאַר דער מקווה-פֿרוי וואָס וועט די נאַכט נישט זײַן. בשעתן עסן האָבן זיך די ווערטער "ער איז סתּם אַ משוגענער — ער גלײַבט נישט אין קריעת ים סוף" גענומען דרייען בײַ אים אין קאָפּ. כאָטש עס קען קיינער נישט חושד זײַן ר' אפֿרים אַז ער איז געווען אַ דענקער, האָבן זיך פֿונדעסטוועגן די ווערטער זיך צעקײַט בײַ אים אין מוח אָן אויפֿהער. פֿאַרוואָס אַ משוגענער? ווען יענער זאָל נישט לייגן תּפֿילין צי מחלל שבת זײַן וואָלט מען געזאָגט אַז ער איז אַ שגץ. איז פֿאַר וואָס אויף נישט גלייבן זאָגט אַז מיז אַ משוגענער? פֿאַרוואָס אַ משוגענער?, פֿאַרוואָס אַ משוגענער? האָט זיך אים געהאַלטן אין איין פֿרעגן.

אמת איז, אַז ר' אפֿרים איז נישט קיין מבֿין געווען אויפֿן וויליאַמסבורגער שפּראַך. ס'וואָלט אים נישט אײַנגעפֿאַלן אַז אין זײַן יידיש זײַנען עקצענטרישע, אידייאָסינקראַטישע, נערוון-קראַנקע, מוח-געשעדיקטער, מרה-שחורהניקעס, תּזריעס און מצורעס אַלע באַצייכנט מיטן זעלבן טיטל: "משוגענער". איין וואָרט פֿאַר אַלע צושטענדער. דאָס וואָלט אָבער ר' אפֿרים נישט צופֿרידן געשטעלט. זיי האָבן נישט געזאָגט "לא עלינו אַ משוגענע" ווי מען זאָגט אויף אַ קראַנקן. זיי האָבן געשפּעט. זיי האָבן אויך נישט אַזוי געמיינט, ווײַל קריעת ים סוף האָט דאָך זיכער פּאַסירט און ס'איז כּאילו יענער לייקנט אַז ס'איז טאָג ווען דער זון שײַנט. ניין, נישט אַזוי האָט עס יענער געזאָגט און נישט אַזוי האָבן די אַנדערע געלאַכט. ר' אפֿרים האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין. יענער איז אַ

משוגענער ווײַל ער פֿאַרמעמט זיך בכלל מיט אַזעלכע זאַכן. ער איז משוגע ווײַל ס׳אינטערעסירט אים צי מען קען שפּאַלטן אַ ים צי נישט. ״וואָס גייט עס אים אָן?״ האָט ער זיך דערמאָנט אַז איינער פֿון די ייִנגלעך האָט געפֿרעגט.

צי תּורה איז פֿון סיני אָדער די עלטער פֿון דער וועלט זענען אויך פֿון די מאָדערנע פֿאַרשטיקטע חומרות. אין בני ברק זענען זיי מער באַזאָרגט מיט אַ שול צענדליקער קילאָמעטער אַוועק וואָס געהערט די רעפֿאָרם-ייִדן ווי די וויליאַמסבורגער אינטערעסירט וואָס טוט זיך אויפֿן צווייטן זײַט וויליאַמסבורגער בריק. און צען פֿרײַער ייִדן אַפֿילו אין מיטן וויליאַמסבורג איז אַלץ בעסער ווי איין לובאַוויטשער אָדער אַפֿילו אַ האַלבער ציוני. די וועלטלעכע ייִדן זענען די גנבֿים וואָס אין וויליאַמסבורג הענגט מען קיין מאָל נישט אויף אויפֿן תּליה. דער רלב״ג האָט געמעגט לייקענען אַז יהושוע האָט אָפּגעשטעלט דעם זון און דאָך האָט מען אים קאַנאָנידירט אינעם מקראות גדולות נ״ך. טאַקע, די סאַטמערער פֿאַרנעמען זיך מיט ציוניסטן, אָבער צו האָבן אַ דאגה צי גאָט האָט געשפּאָלטן דעם ים-סוף איז גלאַט אַ משוגעת. ס׳קאָסט דען געלט צו זאָגן דער שירה פּסוק בפּסוק אויף שבת שירה אָדער צו זינגען ״בבֿקעך ים סוף״ שבֿיעי של פּסח נאָך חצות?

דעם בעל דבֿר איז נישט גענוג געווען אַז ר׳ אפֿרים זאָל בלויז פֿאַרשטיין די בחורים. אים איז נייטיק געווען אַצינד אַז ר׳ אפֿרים זאָל פֿאַרשטיין דעם משוגענעם אויך. לכתּחילה האָט ער אויך נישט פֿאַרשטאַנען. ״נו, און לאָמיר שוין זאָגן ס׳אינטערעסירט אים יאָ, ס׳שטייט דאָך אָבער אין דער תּורה מיז עס דאָך זײַן אמת.״ און דאָס האָט ער איבערגעקייט און איבערגעדראָשן אין מוח אָבער דער קושיא האָט זיך נישט פֿאַרענטפֿערט.

קריעת ים סוף אַליין האָט דעם בעל דבֿר אויך נישט צופֿרידן געשטעלט. ״און אַז די ייִדן זענען נישט אַריבער דעם ים ווי קען זײַן אַז די מצריִים האָבן זיי נישט אומגעבראַכט? און ווי אַזוי זענען זיי אָנגעקומען צו באַרג סיני אויף מקבל צו זײַן די תּורה?״ און אַזוי זיצנדיק בײַם טיש, דאָס נאַכטמאָל אָפּגעגעסן, איז ר׳ אפֿרים געזעסן און געקראָכן צוריקוועגנס דורך די צען מכּות, די זיבן קי און זיבן זאַנגען, מכירת יוסף, יעקבֿס ראַנגלענישן מיט עשׂון און צוריק נאָך מער דורך דער עקדה מיטן ברית בין הבתרים, צוריק צו נח און בריאת העולם. און ער איז געקראָכן אויף פֿאַרויס אויך. דורך קבלת התורה, דעם מן, דעם שׂלו, און דעם גאַנצן דור המדבר. נאָך אַ מזל וואָס ר׳ אפֿרים האָט נישט צו גוט געקענט נ״ך, האָט זיך עס ערגעץ אָפּגעשטעלט. אויף צוריק האָט ער אויך זיך אָפּגעשטעלט בײַ בריאת העולם, ווײַל קיין גרויסער חקרן איז ר׳ אפֿרים נישט געווען ביז יענעם אָוונט. פֿון דאַרווין האָט ער קיין סך נישט געוווּסט, כאָטש געהערט האָט ער אַז די גויִים זאָגן אַז מענטשן קומען פֿון מאַלפּעס און אַז דער

וועלט איז אַלט מיליאָנען יאָרן, באַשאַפֿן דורך עפּעס אַ קראַך. ביידע אידייען, האָט ער שטענדיק געוווּסט, זענען נאַרישקייטן. "כ׳מיין, ווי ווערט פֿון אַ מאַלפּע אַ מענטש? און ווי ווערט פֿון אַ קראַך אַ וועלט? אַ קראַך מאַכט חרובֿ, נישט ס׳בויט", האָט ער שוין עטלעכע מאָל געהאַט געטראַכט. דער בעל דבֿר איז באַשטאַנען אַז אין דעם זאָל ער זיך האַלטן בײַ זײַנס. אָנקומענדיק צו אבֿרהם אבֿינו האָט זיך ר׳ אפֿרים דערמאָנט אינעם מדרש ווי אבֿרהם איז אַרויפֿגעקוקט אויפֿן הימל און געזען דעם זון מיט דער לבֿנה, און דערפֿון פֿאַרשטאַנען אַז דאָס קרעמל האָט אַ בעל הבית. בריאת העולם איז טאַקע געווען דאָס לײַכסטע צו פֿאַרשטיין. "עמעצער האָט עס דאָך געמוזט אַהערשטעלן," האָט ער געטראַכט. אויפֿן רעשט אָבער האָט ער קיין תּירוץ נישט געהאַט.

ר׳ אפֿרים האָט חלילה נישט געלייקנט. קיין כּופֿר בעיקר איז ער נישט געוואָרן. פֿאַרקערט: ווען ער איז אָנגעקומען צו טראַכטן אַז אפֿשר איז אַלץ אויסגעטראַכט — דאָס וואָרט "בלאָף" האָט ער זיך נישט געוואַגט צו טראַכטן — האָט ער געזען אַזאַ פֿינצטערניש אַז ער האָט זיך באַלד צוריקגעבערענגט. אָבער אודך ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן פֿון קריעת ים סוף. און אַהין און צוריק. ער האָט זיך אַליין נישט געגלייבט. ער האָט געטראַכט, "און דער רבי איז נישט געווען אַזוי קלוג ווי איך?" "און רבי רב מלך?" "און דער בעל שם הקדוש?" און איז פֿאַרקראָכן ביז ר׳ עקיבֿא, די תּנאים, און אמוראים און נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן. דער בעל דבֿר איז אים געשטאַנען אויף דער רעכטער האַנט — "און אפֿשר האָבן זיי אויך נישט!"

ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס מיט אים טוט זיך, ווי קען ער טראַכטן אַזעלכע שרעקלעכע מחשבֿות. "דער רבי, דער רבי." ער האָט זיך דערמאָנט אין די הושענא רבה דרשות, די הקפֿות, דעם רבינס עבֿודה און איז דערציטערט געוואָרן. דער בעל דבֿר האָט אָבער אויף אַלץ אַ תּשובֿה. "ר׳ אפֿרים, און איר גייט אײַך דען נישט וואַשן מים אחרונים, זיך אָנטאָן דעם קאַפּעליוש און בענטשן? וואָס האָט דאָס דען מיט גלייבן?" ר׳ אפֿרים האָט טאַקע אַזוי געטאָן. ער האָט אָפּגעבענטשט אָבער געבליבן אויף און ווײַטער געטראַכט. ער האָט שוין געטראַכט גאַנץ אַנדערע זאַכן. דער קריג איז אים אַרײַן אין מוח. ער האָט איבערגעלעבט די באַנרײַזע פֿון זײַן אונגאַרישן שטעטל קיין אוישוויץ ווי מען האָט געהאַט מאַרשירט צו דער באַן-סטאַנציע און אַלע גויִישע שכנים האָבן געקוקט פֿון די פֿענסטערס. ער האָט זיך דערמאָנט ווי מען האָט געדאַווענט הלל אויף ראש חודש סיוון אויפֿן באַן און ווי זײַן חנחלע האָט געוויינט אין מיטן שמנה-עשׂרה און איינער האָט געזאָגט "ש." די ערשטע פֿרוי און זײַנע צוויי טעכטער זענען אים אופֿגעקומען פֿאַר די אויגן, עופּעלעך פֿון פֿינעף און צוויי, און ער האָט זיך דערמאָנט אין לאהלעס שיינע צעפּ. פֿון טראַכטן און צווייפֿלן האָט זיך אָנגעהויבן אַ כּעס.

אײַ איז דאָס אַ בחור דער בעל דבֿר. ווען דער בחורישער שמועס זאָל האָבן פּאַסירט פֿאַר מיטאָג אָדער אַ צווייטן אָוונט וואָלט ר׳ אפֿרים אַהיימגעקומען אויף מיטאָג צי אויף וועטשערע און וואָלט געטראָפֿן פֿייגען אין דער היים, וואָלט זיך עס דאָרט געענדיקט. זײַן אשת חיל, וועמען ער האָט קיין מאָל בײַם נאָמען נישט גערופֿן, וואָלט אים אָפּגעוואָרט מיט אַ שמייכל און אים צוגעברענגט אַ פּאַרטיקע סעודה. זי וואָלט אים דערציילט די מצוות ומעשׂים טובֿים וואָס זי האָט געטאָן דעם טאָג. ביקור חולים. אַ צדקה-פֿרישטיק, אַ הכנסת כלה-טיי און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן. זי פֿלעג אים אויך דערציילן די שמועסן וואָס זי האָט געהאַט מיט פֿריש פֿאַרהייראַטע יונגע ווײַבלעך. חוץ פֿון אַ ממלא מקום בײַם מקווה פֿלעג זי אויך לערנען מיט כּלות די הלכות וואָס איעדע ייִדישע פֿרוי באַדאַרף צו וויסן. נאָכן חתונה פֿלעגן אַ סך צוריקקומען זיך אַדורכשמועסן ווי אַזוי עס איז געגאַנגען און זיכער מאַכן אַז זיי האָבן אַלץ גוט פֿאַרשטאַנען. כאָטש פֿייגע האָט נישט גערעדט בפּירוש מיט ר׳ אפֿרימען וועגן די איידעלע ענינים, פֿלעג זי אָבער גענוג זאָגן אויף צו מאַכן ר׳ אפֿרימען עפּעס מער הנאה האָבן פֿון אַזעלכע שמועסן ווי פֿון אַנדערע. פֿאַרשטייט זיך אַז ר׳ אפֿרים האָט חלילה נישט געהאַט קיין בייזע מחשבֿות בײַ הערן די סאָרט רייד. פֿאַרקערט, נאָכן אויסהערן האָט ער זיך פֿיל מאָל אויסגעדרוקט, "ס׳איז אַ גרויסער ענין צו העלפֿן אויפֿשטעלן ריינע ייִדישע דורות." פֿייגע האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט אויף איין יונגן ווײַבל אַז זי איז מער נישט צוריקגעקומען נאָך דער חתונה. זי האָט איר געזען גיין אויף דער גאַס אָן די "seams" אויף די שטרימפּ. "זי מיינט אַז מען האָט חתונה, איז הותּרה הרצועה." ר׳ אפֿרים האָט אויף דעם אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, "איך האָב געקענט איר זײַדן, זאַ ציפֿרידן אַז זי שערט זיך." אַזוי פֿלעג ער שמועסן מיט פֿייגען וואָס עס טוט זיך בכלל אין שטעטל. וואָס די קראַנקע מאַכן, ווער ס׳האָט אַ שידוך געטאָן, די קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן און נאָך כּנה וכנה. און נאָך אַזעלכע שמועסן פֿאַלט דען עמעצן אײַן צו צווייפֿלען אויפֿן אַתּה בחרתּנו? אַז מען שפּירט דעם טעם פֿון ייִדישן נחת און דעם תּענוג פֿון ייִדישקייט און מצוות ומעשׂים טובֿים פֿאַלט דאָך קיין מאָל נישט אײַן צו קלערן צי היש אַלה בישׂראל. איז דער בעל דבֿר אָבער אַ בעלן און האָט אונטערגערוקט דעם שמועס פֿון די בחורים פּונקט אַזוי אַז ר׳ אפֿרים זאָל אַהיימקומען צו אַ ליידיקער שטוב, צו אַ פֿינצטערער שטוב, צו אַ שטוב אָן פֿייגען. און אַזוי האַלט ער אָנגעטשאַדעט אַז ביז פֿייגע איז אַהיימגעקומען האָט זי געפֿונען אין גאַנצן אַן אַנדער ר׳ אפֿרימען. נישט אַז זי האָט דאָס געוווּסט אָבער ווי דער וועלט זאָגט, "דעם באַשאַפֿער און די פֿרוי קען מען נישט אָפּנאַרן." אַזוי האָט נישט געדויערט לאַנג אַז פֿייגע זאָל דערקענען אַן ענדערונג.

פֿייגע האָט זיך אַליין אַרײַנגעלאָזט אין שטוב. זי האָט זיך גערעכנט אַז ר׳ אפֿרים, אָדער "פֿרים" ווי זי האָט אים גערופֿן, איז צוריק אין שול נאָך וועטשערע. זי האָט אים געפֿונען זיצן בײַם טיש פֿון קיך מיט די ליידיקע טעלער נאָך אַלץ

פֿאַר אים. "וואָ איז — שפּירסט דיך נישט גוט? פֿאַרוואָס ביסט די נישט געגאַנגען אין בית המדרש אַראַן?" האָט זי אים געפֿרעגט. ר' אפֿרים האָט אָבער געטראַכט פֿון דער ערשטער פֿרוי זײַנער. מלא טענות איז ער געווען אויפֿן באַשאַפֿער. און ס'האָט זיך האָט שוין יעצט איבערגעביטן אויף כּעס אַז אַזוי פֿיל יאָר האָט ער זיך געלאָזט נאַרן, אַז אַזוי פֿיל יאָר האָט ער נישט נישט מקבל געווען די יסורים באהבֿה נאָר ער האָט דיי גאָרנישט מקבל געווען. ס'איז בײַ אים געווען ווי אַ פּרשה סתומה ווו ער איז קיין מאָל נישט אַרײַן. און דאָס האָט אים פֿאַרדראָסן און אויפֿגעקאָכט. "הלמאי זיי מעג מען רצחנען און איך טאָר ניטאָמאָל טראַכטן דערפֿון?" ער האָט געפֿילט דעם חובֿ פֿון גראַטעוועטע צו די אומגעקומענע און זיך גערעגט פֿאַרוואָס ער האָט ביז הײַנט נישט געשפּירט אַפֿילו אַ חובֿ. און אויף אַלץ האָט ער באַשולדיקט דעם בעל קריעת ים סוף. ס'האָט אים שוין יעצט נישט אינטערעסירט צי עס האָט פּאַסירט צי נישט. "און אַז ס'האָט פּאַסירט וואָס האָב איך דערפֿון?" האָט ער בײַ זיך געטראַכט. מלכּה מרים וועט דען אויפֿשטיין תּחית המתים? דער נאָמען מלכּה מרים — וואָס ער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעזאָגט במשך די לאַנגע יאָרן און אַפֿילו טראַכטן האָט ער פֿון איר נישט געטראַכט בײַם נאָמען. (אפֿשר איז עס נישט אַזאַ חידוש היות ער האָט איר בײַם לעבן אויך קיין מאָל נישט גערופֿן אַנדערש ווי "הער נאָר" אָדער "האַלאָ".) אַצינד זאָגנדיק איר נאָמען האָט אים אָנגעצונדן ווי אַ הבֿדלה. פֿון צווייפֿלען און כּעס איז אַצינד געוואָרן נקמה. "איך וועל מיך נוקם זײַן", האָט ער באַשלאָסן. "איך וועל אים לערנען בלק."

פֿייגעס איידל גערעדעכץ האָט אויף אים נישט געמאַכט דעם געוויינטלעכן אײַנדרוק. ער האָט געזאָגט אַז עס טוט אים אַ ביסל ווײ און ער גייט זיך צולייגן. פֿייגע האָט באַמערקט אַז עפּעס טוט זיך. אָבער ס'איז שוין געווען דערנאָך. ר' אפֿרימען איז געלעגן אויפֿן קאָפּ דער באַשאַפֿער און מלכּה מרים. ר' אפֿרים און פֿייגע זענען ווײַטער געבליבן ווי מאַן און פֿרוי, מהיכי תּיתי, זיי האָבן זיך נישט צופֿיל געקריגט. ס'איז אָבער געווען אַן אַנדערער ר' אפֿרים, אַ ר' אפֿרים פֿון נקמה.

ווי לערנט מען דעם באַשאַפֿער בלק? דאָס איז געווען די איינציקע קשיא וואָס האָט דערקוטשעט ר' אפֿרימען. ר' אפֿרים האָט געקלערט פֿון פֿאַרשיידענע עבֿירות, אָבער וועלכע עבֿירה האָט אים שוין געקענט אײַנפֿאַלן? פֿון די גאָר גראָבע עבֿירות האָט ר' אפֿרים קיין מאָל נישט געקלערט. קיין שמוציאַן איז ער דאָך נישט געווען. ער וואָלט זיך געשעמט זיך אַזוי צו נידעריקן. און ווען דער באַשאַפֿער זאָל אים כאַפּן בײַ אַזעלכע מעשׂים טובֿים וואָלט ער דאָך פֿון אים געלאַכט. נו, איז ווער וואָלט פֿון ווען געהאַט נקמה? עבֿודה זרה צי שפֿיכות דמים איז אויך אַ שוואַך שטיקל קעגן רבונו של עולם. וואָס, ער זאָל זיך בוקן צו אַ שטיינענעם גאָט? "פּה להם ולא ידברו" איז אים אַרויף אויפֿן געדאַנק. און

מערדער? וואָס האָט דען יענער געזינדיקט, און וועמען זאָל ער דערוויילן אויף
זײַן קאָרבן? חילול שבת איז אויך געווען אַ שוואַכע ברירה. שיר השירים האָט
ער נאָך געזאָגט מדי שבת בשבתו, כאָטש דעם טעם איז טאַקע נישט געווען
דאָס פֿון אַמאָל, איז ווי וועט ער גיין פֿאַרשוועכן דעם שבת? און וואָס וועט ער
דען טאָן? אָנצינדן און פֿאַרלעשן אַ לאָמפּ? ס׳קען דאָך עמעצער זען. רעדן אויפֿן
טעלעפֿאָן? מיט וועמען האָט ער דען צו רעדן? זיי היטן דאָך אַלע שבת. זיך
בײַסן די נעגל אויף להכעיס? "און פֿון דעם וועט זיך דער באַשאַפֿער פֿאַרדאַרבן?"
האָט ער געטראַכט. ניין, ר׳ אפֿרים האָט געדאַרפֿט עפּעס אַזוינס וואָס ס׳האָט
אים נאָך קיינער נישט געטאָן. איך דאַרף אם גייבן אַ האַרץ-אַטאַק", האָט ער בײַ
זיך געטראַכט. עסן אויף יום קודש איז אים אויך אײַנגעפֿאַלן אָבער דאָס איז
אים נישט גענוג געווען. ער האָט געוווּסט אַז גענוג ייִדן עסן לא עלינו יום קודש
און דער וועלט פֿירט זיך ווײַטער. ער האָט געזוכט אַזוינס וואָס דער באַשאַפֿער
האָט נאָך קיין מאָל נישט בײַגעלעבט, אַזוינס וואָס אַפֿילו דער באַשאַפֿער ווייסט
נישט דעם טעם דערפֿון.

אַרום די סליחות-טעג, ווען פֿאַרשטייט זיך ר׳ אפֿרים האָט ווײַטער אָפּגעזאָגט
גאַנץ תּהילים פֿאַרן ערשטן טאָג סליחות און פֿאַר זכור-ברית, דעמאָלטס איז עס
אים אײַנגעפֿאַלן. "איך ווײַס שוין," האָט ער געטראַכט. "איך וועל לײַגן תּפֿילין
אויף יום קודש. דאָס האָט נאָך קײַנער נישט געטון." ער האָט געהאַלטן אין מיטן
סליחות בײַ דעם אײַנפֿאַל און ער האָט מיט דעם פֿריש אויפֿגעלעבט. ער האָט
צוגעענדיקט סליחות און דערנאָך געדאַוונט מיט אַ פֿרישן פֿײַער. ער האָט
שוין אויף וואָס צו לעבן. ער האָט שוין געקענט דעם באַשאַפֿער פֿאַרגינען אַ
וואַרעם דאַוונען ווײַל "אַזאַ פּאַטש האָט ער קיין מאָל נישט געכאַפּט."

ר׳ אפֿרים, ר׳ אפֿרים בײַ ננתּך האַלסטו טאַקע נישט, אמת דו ביסט ווײַט
דערפֿון, אָבער געדענק זשע דעם אַנדערן פּסוק טאַקע אינעם זעלבן קאַפּיטל.
"יושבֿ בשמים אישׂחק" שטייט דאָך אויך דאָרט. מלכּה מרים האָט ער געקענט
אַוועקלייגן טראָץ דעם "ומי כּעמך ישׂראל" אין זײַנע תּפֿילין און פֿון דײַן "קדש
לי" וואָס דו וועסט זאָגן בחדרי חדרים נאָכן זיך אַרויסגנבֿענען פֿון שול יום
הקדוש — פֿון דעם וועט גאָט ברוך הוא נתפּעל ווערן? און דו בעל דבֿר וואָס
זיצטו דאָרט און לאַכסט? בשלמא אַז דו ווילסט נישט ייִדן מאמינים פֿאַרשטיי
איך אָבער וואָס מאַכסטו פֿון מענטשן לצנות? לאָז שוין אָפּ ר׳ אפֿרימען און גיי
זוך דיר עפּעס בעסערס. דער באַשאַפֿער איז אָבער רצון יראיו יעשׂה און אַז ר׳
אפֿרים האָט דאָס געוואָלט איז אים קיינער נישט געשטאַנען אין וועג.

ווי ס׳האָט זיך דערנענטערט יום כּיפּור האָט ר׳ אפֿרים אַלץ מער געטראַכט פֿון
זײַן אידיי. ראש השנה האָט ער געברענט מיט דעם און במשך די עשׂרת ימי
תּשובֿה האָט ער געפּלאָנטעוועט איבער דעם. ווען וועט פֿייגע גיין אין שול?

ווען איז דער בעסטער צײַט זיך אַרויסצוכאַפּן פֿון שול? וואָס ער זאָל טאָן נאָך ער האָט זיי אָנגעטאָן? און צי ער זאָל לייגן בלויז רשיס תּפֿילין צי רבינו תּם אויך? בײַ כּפּרות עירובֿ יום קודש באַשמורת הבוקר איז אים עפּעס אַנדערש נישט געלעגן אויפֿן קאָפּ ווי די תּפֿילין.

אָפּגעדאַווענט עירובֿ יום כּיפּור אין דער פֿרי האָט ער אַ קוש געטון די תּפֿילין פֿאַרן אַוועקלייגן ווי געוויינטלעך אָבער דאָס מאָל האָט ער זיי ווי אַ וווּנק געטון, כּלומר "מיר וועלן זיך מערטשעם מאָרגן זען." זײַענדיק אַ שטיקל שמשׂ האָט ער אויסגעטיילט לעקעך און לחיים פֿאַרן עולם ווי דער מנהג איז עירובֿ יום כּיפּור און דערנאָך האָט ער אויסגעלייגט די צדקה-טעלער אויף מנחה.

ר׳ אפֿרים האָט נאָך אַלץ אויפֿגעפּאַסט אויף אַיעדן ייִדישן מנהג און געגעסן די כּפּרה בײַ דער ערשטער סעודה, פֿייגע האָט אויך געקאָכט קרעפּלעך אין דער יויך. ר׳ אפֿרים האָט זיך דערנאָך געטובֿלט ווי אַיעדער ייִד דאַרף טאָן עירובֿ יום כּיפּור. ער האָט געזאָגט ווידוי בײַ מינחה און אַהיימגעגאַנגען צו דער סעודת המפֿסקת. דערנאָך איז ער געקומען אײַנגעהילט אינעם קיטל און טלית, צו כּל נדרי געזאָגט תּפֿלת זך מיט אַ פֿײַער ווי אַלע יאָרן און אַלץ געטאָן כּדת וכדין. צו מאָרגנס נאָך "המלך" האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און די פֿיס האָבן אים ווי געטראָגן. אַהיימגעקומען האָט ער צוגעריגלט די טיר און איז אַרײַן אין אַ זײַטיקן צימער און דאָרט אויך צוגעשלאָסן דעם טיר. שטייענדיק אין די שטרימפּ — ר׳ אפֿרים האָט נישט געהאַלטן פֿון גומענע שיך — האָט ער געזאָגט אַ פֿײַערדיקן לשם יחוד, אַרויסגענומען דעם של-יד און אַ קוש געטאָן דאָס ביתל און אַראָפּגעדרייט די רציעות. אַז ער האָט זיך געוואָלט אַרויפֿציִען דעם אַרבל האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער שטייט אין אַ קיטל און אַ בעקעשע און נישט מיטן וואָכעדיקן רעקל. טאָמער אָבער אין דעם מאָמענט איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ ספֿק איבער דעם וואָס ער טוט איז עס שוין געווען צו שפּעט. דער בעל דבֿר וואָלט אים אַצינד נישט אַזוי לײַכט אויפֿגעגעבן זײַן שׂעיר לעזאזל דאָ בעצומו של יום. ר׳ אפֿרים האָט אַרויפֿגעלייגט דעם בית אויפֿן בשׂר תּפּוח און געמאַכט אַזאַ ברכה ווי דער באַרדיטשעווער האָט געמאַכט אויפֿן לולבֿ דעם ערשטן טאָג סוכּות נאָכן צעברעכן די גלעזערנע שאַפֿע. דעם בעל דבֿרס "אָמן" האָט ר׳ אפֿרים נישט געהערט. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דעם של-ראָש, ער האָט געטאַפּט דעם קאָפּ און אָנגעכאַפּט דעם ווײַסן קאַפּל וואָס אין דעם פֿלעג ער גיין בלויז יום קודש. דאָס האָט ער געהאַט בירושה פֿונעם רבין. דאָס האָט אַ ציפּ געטאָן. בײַ ר׳ אפֿרים איז דער רבי געווען מער פֿונעם באַשאַפֿער. די ד פּרשיות האָבן זיך שוין נישט געזאָגט ווי ער האָט געמיינט. די תּפֿילין זענען אויף אים שווער געוואָרן ווי אַ לאַסט. ער האָט פֿאַרגעסן פֿאַרוואָס ער שטייט מיט זיי און וואָס ער האָט געמיינט דערמיט אויפֿצוטאָן. ער האָט אין זינען געהאַט צו זאָגן יזכּור פֿאַר מלכּה מרים און די צוויי עופּעלעך זײַנע שטייענדיק מי די תּפֿילין.

ס׳איז אָבער דערפֿון גאָרנישט געוואָרן. ״שעמסט דיך נישט?״ האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן. אַזוי ווי דער רבי אין חדר פֿלעג עס אים זאָגן און ווי ער פֿלעג עס זאָגן פֿאַר זײַנע תּלמידים דעם זעלבן נוסח האָט אים געדולט אין קאָפּ. ״ביסט פֿאַרנערט? ביסט משוגע?״ ער האָט זיי אַראָפּגעצויגן פֿון זיך, קיין מאָל נישט געקושט, צוזאַמענגעפּאַקט און אַרײַנגעוואָרפֿן אינעם טלית-בײַטל אָבי זיי פּטור צו ווערן. ס׳איז אים אײַנגעפֿאַלן צו די תּפֿילין זענען נישט מוקצה און האָט זיי איבערגעלאָזט ווי זיי זענען געווען. ״פֿייגע וועט נישט באַמערקן״, האָט ער געטראַכט. צי ער זאָל לייגן רבינו תּם אויך איז שוין אַצינד נישט געווען קיין שאלה. ער האָט נאָר געוואָלט צוריק זײַן אין שול. דער ערד אונטער אים האָט געברענט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט אַז די שכנות און די קינדער רעדן אַלע אַז ער איז אַהיימגעקומען בשעתן דאַווענען. ער האָט נישט געוואָלט פֿייגע זאָל געוויר ווערן; זי פֿרעגט שוין אַזוי אויך צו פֿיל.

צוריקקומענדיק אין שול איז ער אַרײַן אײַנגעהילט אינעם טלית מען זאָל אים נישט דערקענען. דער יום כּיפּורדיקער שחרית מיט די פּילע וּבֿכן מי לא יראכס איז געגאַנג לאַנג אויסצוואַרטן אַפֿילו אַ נקמהדיקן תּפֿילין לייגן און ר׳ אפֿרים האָט נאָך אָנגעיאָגט צו די על חטאס פֿונעם שחריתדיקן הויכע שמנה-עשׂרה. דעם טעם פֿון יום קודש איז אָבער שוין געוואָרן צו נישט. ער האָט שוין נישט געברענט אויף נקמה, ער האָט שוין נישט געברענט פֿון כּעס, ער האָט שוין בכלל נישט געברענט. דער בעל קורא האָט געוויינט בײַ ״אחרי מות שני בני אהרן״, וועגן דער סגולה נישט צו פֿאַרלירן קינדער בײַם לעבן. מיט אַ שטיק צײַט פֿריִער וואָלט ר׳ אפֿרים זיך געבייזערט און וואָלט געקלערט וויפֿל אַזעלכע בעל קוראס זענען אומגעקומען מיט די קינדער צוזאַמען. ער וואָלט געטראַכט צי די עלטערן זענען אויך געשטאָרבן מיט די קינדער אַז די סגולה זאָל נישט האָבן געפֿעלשעוועט. אַצינד האָט ער אָבער נאָר געטראַכט פֿון זײַן אייגענעם חורבן. ער האָט נישט נאָר מלכּה מרים און די צוויי עופֿעלעך פֿאַרלוירן נאָר אַצינד האָט ער שוין פֿייגע אויך נישט. זי איז אים פֿרעמד געוואָרן אין די אויגן. דער באַשאַפֿער טויג אים שוין אויך נישט און ר׳ אפֿרים איז שוין אויך נישט געווען ר׳ אפֿרים אין די אייגענע אויגן. ער האָט זיך פֿײַנט באַקומען אויפֿן מעשׂה שטות און ער האָט געהאַסט דעם באַשאַפֿער אַז ער האָט אים דערצו געברענגט. נאָר די דערמאָנונג פֿון דעם רבינס קרעכצן וואָס אַלע בעלי תּפֿילות האָבן געזוכט נאָכצומאַכן האָט אים אויפֿגעהאַלטן דורך מוסף און די עבֿודה. ״היה עם פּיפּיות״ וואָס דער בעל תּפֿלה האָט געזונגען מיטן רבינס שלום עליכם-ניגון האָט אים צעשיטערט אָבער וויינען האָט ער נישט געקענט. אַזוי איז דורכן טאָג ביז נעילה ווען ר׳ אפֿרים האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט.

ער איז געשטאַנען גאַנץ נעילה ווי זײַן שטייגער איז געווען. בײַ ״פּתח לנו שער בעת נעילת שער״ האָט ער זיך דערמאָנט אינעם משל וואָס איז געשטאַנען

איז זײַן ייִדיש-טײַטש-מחזור פֿון זײַנע קינדעריאָרן. דער משל איז פֿון אַן אַרעסטאַנט וואָס מען לאָזט אַרויס פֿון תּפֿיסה אויף יום כּיפּור ער זאָל קענען גיין אין שול דאַווענען און ער זעט אַז דער זון גייט שוין אונטער און ער דאַרף צוריק גיין אונטערן פֿאַרשלאָסענעם טויער. ר׳ אפֿרים האָט געדענקט דעם נמשל אויך פֿון דער נשמה וואָס איז נישט אינעם תּפֿיסה פֿונעם יצר הרע ווײַל דעם טאָג האָט דער בעל דבֿר קיין שליטה נישט. אפֿשר וואָלט ר׳ אפֿרים געדאַרפֿט שמייכלען אויף דער נישט-שליטה פֿונעם יצר הרע דעם טאָג אָבער ר׳ אפֿרים האָט אַצינד נישט געשמייכלט. פֿאַרקערט, ער האָט געדענקט ווי אַלע ימים טובֿים פֿלעג ער בלויז לייענען די משלים אָנעם נמשל אָבער ראש השנה און יום כּיפּור האָט ער תּשובֿה געטאָן און געליינט דעם נמשל אויך. די סליחות און די פֿילע שם השמס האָבן אין אים אויפֿגעוועקט געדענקענישן פֿון זײַנע קינדעריאָרן ווען ער האָט נישט געוווסט ווו מען שטעלט זיך צו וואַרטן אויף שלש עשׂרה מידות און דער טאַטע, לעבן וועמען ער איז געשטאַנען, האָט אים אויפֿגעמישט דאָס מחזורל און געוויזן דעם פּלאַץ. צי האַשיים איז טאַקע ״רחום וחנון״ האָט ער פֿיל מאָל געטראַכט אינעם לעצטן זומער אָבער נישט יעצט.

בײַם פּזמון פֿון שלש עשׂרה מידות ווי מען בעט אַז גאָט זאָל זיך אָוועקלייגן אַ ביסל פֿון אונזערע טרערן אין אַ סלוי האָט זיך געהערט שלוכעצן פֿון ווײַבערשול. ס׳האָט ר׳ אפֿרימען צוריקגעטראָגן צו דער מאַמען ווי די האָט אויסגעזען יום קודש מיט אירע ווײַסן טיכל און שירצל. ער האָט געדענקט אַז אַמאָל אַלץ קינד האָט ער געטראַקט אַז ס׳מוז זײַן אַז מלאָכים קענען אויך זײַן פֿרויען ווײַל די מאַמע זעט אויס ווי אַ מלאכטע. דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט זי געזען איז געווען נאָכן אַראָפּגיין פֿון דער באַן אין אוישוויץ. אַצינד איז זי אים ווי געשטאַנען פֿאַר די אויגן.

נעילה איז אויך פֿאַריבער און דער בעל תּפֿילה האָט אויסגעשריגן ״שמע ישׂראל״ און דער עולם האָט נאָכגעשריגן ״שמע ישׂראל״. נאָך אַזאַ לאַנגן שווערן טאָג ליגט אין דעם ״שמע ישׂראל״ דער ווידער-קול פֿון ייִדן וואָס האָבן עס געשריגן בײַם אומקומען על קידוש השם. בײַ די לעצטע פּאָר מינוט פֿונעם תּענית שפּירן פֿיל ווי זיי זעגנען זיך מוסר נפֿש. אַז זיי רײַסן זייער קול ביז עס גייט שוין נישט איז עס בײַ זיי ווי די נשמה ענדיקט זיך שוין. זיי זעגנען זיך אויך מוסר נפֿש.

ר׳ אפֿרים האָט מיטגעשריגן ״שמע ישׂראל״ און די טרערן האָבן זיך בײַ אים אויפֿגעמאַכט. ״ברוך שם..״ האָט ער אויך געשריגן דרײַ און די אויגן זענען געוואָרן. דער בעל תּפֿילה האָט געשריגן ״ה הוא האלקים״ זיבן מאָל. בײַם זיבעטן מאָל איז שוין ממש קידוש השם (כאָטש ציילן ביז זיבן פֿאַרזיכערט אַז די פֿיס בלײַבן אויף דער ערד). דער עולם וואַרט אויס און שרײַט נאָך

״ה הוא האלקים.״ ביַי ר׳ אפֿרים האָבן די אויגן געפֿליסט. ער האָט געוויינט אויף זײַן לעבן. אויף מלכּה מרים, אויף לאהלע און אויף חנחלע וועמען ער האָט נישט געטאָרט געדענקען. ״ה הוא האלקים״ — די הייליקע מאַמע ווי זי האָט זיך געשלעפּט פֿון דער באַן האַלטנדיק אַ צווייטן קינד אויפֿן אָרעם. ״ה הוא האלקים״ — ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף זײַן פֿאַרקראַכנקייט. ער האָט צוריק געוואָלט זײַן קרעכץ פֿון ״שובֿי שובֿי השולמית,״ ער האָט ווידער געוואָלט זען אין פֿייגען וואָס ער האָט אַמאָל געזען. ״ה הוא האלקים״ — ער האָט זיך נישט מוחל געווען אויפֿן תּפֿילין לייגן פֿון יענעם אינדערפֿרי. ״ה הוא האלקים״ — ער איז באַשטאַנען מוחל זײַן דעם באַשאַפֿער אויף אַלץ אַבי ער זאָל אים צוריקשטעלן ווו ער איז געווען פֿאַר יענער נאַכט. ר׳ אפֿרים האָט יאָמערלעך געוויינט און געשריגן ״ה הוא האלקים״ צום זעקסטן מאָל. דעם רבינס עבֿודה פֿון יום קודש איז פֿאַר אים געשטאַנען און ער האָט ביטער געוויינט אַז אַפֿילו די זכרונות ברענגען מער נישט צוריק דעם זעלבן טעם. וואָס וואָלט ר׳ אפֿרים נאָר נישט געגעבן אויף צוריק צו זײַן וואָס ער איז דעמאָלטס געווען. מען האַלט שוין דעם זיבעטן ״ה הוא האלקים.״ די קולות רײַסן זיך. מען קומט שוין ממש אום. ר׳ אפֿרים האָט געגאָסן אַזוי פֿיל טרערן. ער האָט געדענקט די מעשׂה פֿון ר׳ אליעזער בן דורדיא וואָס ער האָט געלערנט אין עין יעקבֿ. ווי ער האָט געלייגט זײַן קאָפּ אין זײַן שויס און אַזוי געיאָמערט און אַזוי געוויינט אַז נאָך בעטן דעם הימל מיט דער ערד און דעם זון מיט דער לבֿנה זאָלן אויף אים מתפּלל זײַן איז זײַן נשמה אַרויס. ר׳ אפֿרים האָט שוין אויף דעם אויך זיך געווונטשן. ר׳ אפֿרים האָט זיך געזעגן ווידער מיט מלכּה מרים און די צוויי קינדער ווי מען האָט זיי אָוועקגעפֿירט נאָך דער סעלעקציע און ווי ער האָט זיי געוואָלט נאָכגיין און מען האָט אים נישט געלאָזט. ער האָט זיי יעצט ווידער געוואָלט נאָכגיין.

דער עולם האָט זיך צוריקגעוואָרפֿן די טליתים אויף צו הערן דעם קדיש תּתקבל. אַ ווייכן שמייכל ליגט בײַ יעדן אויפֿן פּנים. מען שפּירט אַז ״ס׳איז געלונגען,״ מען האָט עפּעס אויפֿגעטאָן. אין דעם מאָמענט שפּירט זיך עס ווי די גאַנצע וועלט עקזיסטירט נאָר אין דעם בית המדרש און פֿון דאַנען דורכן הימל קאָנטראָלירט מען אַלץ. ר׳ אפֿרים איז אָבער נאָך אײַנגעהילט אינעם טלית. די טרערן האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט. דער בעל מקריא שרײַט ״תּקיעה״ און דער בעל תּוקע בלאָזט. ר׳ אפֿרימס טאַטע האָט געהאַט דעם כּיבוד פֿון אויסרופֿן די תּקיעות. מען רופֿט אויס ״תּקיעה גדולה״ און דער בעל תּוקע איז מאריך בײַם בלאָזן. ר׳ אפֿרים האָט זיך געבראָכן, געזעגנט, נײַן, געצווונגען זיך אין מיטן לאַנגן תּקיעה און אַרויסגעזאָגט די נעמען וואָס ער האָט קיין מאָל ביז יעצט נישט געזאָגט. ״מלכּה מרים בת חיים שלמה דוד.״ ״לאה בת אפֿרים.״ ״חנה בת אפֿרים.״ דער בעל תּפֿלה האָט געשריגן ״לשנה הבאה בירושלים.״ ר׳ אפֿרימס שכן איז צוריקגעשפּרונגען און אַ שרײַ געטאָן: ״אוי, ר׳ אפֿרים.״ דער יונגעמאַן וואָס איז געזעסן אויף דער שורה אונטער ר׳ אפֿרימען איז אַרויפֿגעטאַנצט אויפֿן באַנק און געשריגן

״וואַסער! הצלה!״

צו מאָרגנס אויף דער לוויה האָבן אַלע מספּידים דערמאָנט דעם גמרא אַז יום כּיפּור איז עצומו של יום מכפּר און אַז ר׳ אפֿרים האָט געהאַט אַ זכייִה אַוועקצוגיין דעם הייליקסטן טאָג פֿון יאָר. איין מספּיד האָט אויך געמערקט אַז ער איז אַוועק באַלד נאָך קבלת עול מלכות שמים, און ער האָט דערמאָנט דעם בת קול וואָס איז אַרויסגעגאַנגען נאָך ר׳ עקיבֿאס יציאת נשמה: ״אשריך ר׳ עקיבֿא שיצתה נשמתך באחד.״ דער עולם איז אָבער צום מערסטנס דערשיטערט געוואָרן ווען מען האָט דערמאָנט וואָס דער רבי האָט געזאָגט, אַז ווען דער באַשאַפֿער האָט נאָך צען ר׳ אפֿרימלעך וואָלט די גאולה שוין דאָ געווען. ווען דער ארון האָט אָנגעהויבן צו גיין האָט איינער פֿון די יונגעלײַט וואָס ווייסן תּמיד אַלץ און וועמען מען הערט אַלץ אויס דערציילט עפּעס פֿאַר אַן עולם צוהערערס וואָס איז אַלץ גרעסער און ענגער געוואָרן — ווײַל יעדער האָט געוואָלט הערן און די זאַכן דערציילט מען אין אַ נידעריקערער שטימע. נעכטן האָט פֿייגע דערציילט פֿאַר איר שכנטע בײַם דאַווענען אַז זי האָט זיך דערמאָנט אַז נעכטן ערבֿ יום קודש האָט זי בטעות אַרויסגעוואָרפֿן דאָס איבערגעבליבענע פֿון ר׳ אפֿרימס כּפּרות הינדל און ס׳איז נישט געבליבן אַ שטיקל אויף מוצאי יום טוב ווי דער מנהג איז. דער עולם צוהערערס האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דעם רמז מן השמים און שטילערהייט באַגלייט דעם ארון.